בס"ד

שנה ד'
נומער 167
**פרשת ויקרא**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



**גערדאנקען:**
**דעם רבינ'ס ספר קען איבערדרייען א מענטש**

**מיט א טיפערן בליק:**
**הצלה**

**אידישע שטוב:**
**קליינע תנועות גרויסע זכיות**

## מצות באקן אין קרית ברסלב בעקעריי
### דאנערשטאג ויקהל פקודי



## דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס
### דאנערשטאג ויקהל פקודי

# קרית ברסלב בלעטל

| | |
|---|---|
| **משה ארי' שניטצלער**<br>דעם רבינ'ס ספר קען איבערדרייען א מענטש<br><br>3 | **שטעטל נייעס**<br>שיך געשעפט אין שטעטל איפגעמאכט אירע טויערן<br><br>8 |
| **היכל הקודש נייעס**<br>חנוכת הבית אין היכל הקודש לאנדאן<br><br>9 | **מיט א טיפערן בליק**<br>הצלה<br><br>14 |
| **חכמת נשים**<br>קליינע תניעות גרויסע זכיות<br><br>18 | **פאר די ברסלב'ע שטוב**<br>א פסח'דיגע הארץ<br><br>19 |

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

## זמנים Liberty
ויקרא ג' ניסן תשפ"ג

הדלקת הנרות.........06:57
מוצאי שבת ............08:28

מנחה מעריב צו ... 08:15

קומענדיגן בלעטל וועט ערשיינען אם ירצה השם קומענדיגן יום טוב פסח הבא עלינו לטובה

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 24 | 43°/28° | Showers |
| Sat 25 | 39°/29° | Rain/Freezing Rain |
| Sun 26 | 45°/30° | Partly Cloudy |
| Mon 27 | 47°/31° | Rain/Snow Showers |
| Tue 28 | 39°/26° | AM Snow Showers |
| Wed 29 | 40°/29° | Mostly Cloudy |
| Thu 30 | 43°/33° | Snow to Rain |
| Fri 31 | 46°/33° | Rain/Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א



בעזרת השם יתברך

## קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב

ברסלב

# סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס שמחה ווילן מיר וואונטשן א הערצליכן
ברכת מזל טוב פארן אונזער באליבטער פריינד,
אהוב לשמים ואהוב לבריות

## מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו

צום געלעגנהייט פון די גרויסע שמחה ביי אים אין
שטוב

## צום געבורט
## פון א אינגל

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

אברהם אלי' איר האט געהאט די זכיה צו
אינוועסטירן אינעם בעסטן געשעפט, ווען איר האט
מנדב געווען די נייע גאר קאסטבארע מאשינען צו
שניידן און צוענדיגן די ספרים וואס פארשפרייט
דעם הייליגן רבינ'ס ליכטיגקייט פאר גאנץ כלל
ישראל

דער אייבערשטער זאל העלפן די גרויסע זכות זאל אייך
ביישטיין איר זאלט האבן השפעות טובות בני חיי ומזוני
רוויחי, איר זאלט זען אסאך אידיש נחת ביי דעם קינד און
ביי אלע קינדער, זיי זאלן וואקסן און שטייגן בתורה ויראת
שמים, איר זאלט זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים
בתורה ובמצוות, און זען אסאך אידיש נחת.

ווי עס וואונטשט

## הנהלת קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב






# דעם רבינ'ס ספר קען איבערדרייען א מענטש

משה ארי' שניטצלער

איינס פון די זיסטע זאכן וואס מ'קען הערן איז, ווען א ברסלב'ער דערציילט זיין סיפור התקרבות.

איז אזוי, אנהייב יאר תשנ"ו בין איך נאך געווען א "טארמאלער" מענטש. "טארמאל" מיינט מ'מוז טון וואס "דררררררווילעם" טוט. טארסט נישט אנטון די קוטשמע א טאג פאר א צווייטן און דו מוזט זיין צוואנציג שבתים א יאר אין קאנטרי.

א "טארמאלע" קידוש מיינט עסן הארטע דזשערקי וואס קוקט אויס ווי עס איז געמאכט פון לעדער פון קוזען וואס איז איבערגעבליבן פון די שיך פאבריק. פאר צוויי הונדערט יאר צוריק איז דאס געווען די עסן אין די רוסישע תפיסות.

א "טארמאלע" חתונה מיינט, אז די קאזינס און חברים פוןביידע זייטן זאל מוזן צושטייער געבן פאר דעם שוואגער דעם אפגעריסענעם בעל חוב אז ער זאל קענען מאכן א חתונה מיט דריי שפילערס און פיר זינגערס וואס רוען זיך אפ ווען מ'טיילט די זופ און א "די דזשעי" סיסטעם איז מהנה דעם עולם וואס האט געבארגט טויזנטער דאלערס פאר'ן מחותן פאר די טייערע בלומען וואס גייט באלד ליגן דארט וואו די מייזעלעך עסן זייער מיטאג וועטשערע.

און נישט פארגעסן די געבארגטע געלט פון די הויכע שטריימל מיט לעבעדיגע שפיצן וואס ליגט אויף א צוקוועטשטן מחותן מיט א טויטע פאר'חובות'טע באנק אקאונט.

אוי, א רחמנות אויף "טארמאלע" מענטשן וואס בארגן און זארגן ביז מ'ווערט דערווארגן.

אין יאר תשנ"ו איז עס געשען ווען דער גרויסער זיסער באשעפער האט מיך ארויס געשלעפט פון א וועלט פון "טארמאל", פון א וועלט פון "וואס זאגט דרררררררווילעם", צו א וועלט פון טראכטן יעדן טאג וואס קען איך מיטנעמען אויף יענע וועלט.

(אבער א קליינע דיסקלעימער: צום ערשט בין איך מקורב געווארן צו דאס וואס מאנכע רופן "אלגעמיין ברסלב", און א יאר דערויף בין איך מקורב געווארן צום גרויסן צדיק מוהרא"ש זי"ע.)

זונטאג פרשת שופטים תשנ"ה ב' דר"ח אלול האט זיך אנגעהויבן א נייע קאפיטל אין מיין לעבן.

דעמאלטס בין איך אריין אין די מיר'ע ישיבה, דאהי' אין פלעטבוש, אויף אושען פארקוועי'.

בעפאר דעם האב איך געלערנט אין א אנדערע ישיבה אין פלעטבוש, דארט האב איך געלערנט פון פסח זמן תשנ"א.

יעצט סוף תשנ"ה איז געווארן אויפגעלעזט יענע ישיבה, האב איך געמוזט טרעפן א ישיבה און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז די בעסטע אויסוואל איז געווען מיר'ע ישיבה אין פלעטבוש.

איך האב געמוזט גיין יעדן טאג מיט די טרעין פון ווילי'אמסבורג. ס'איז געווען נאך עטליכע פון ווילי'אמסבורג וואס האבן געלערנט דארט, ס'איז געווען א



כולל אינגערמאן וואס האט געלערנט דארט, ער האט געהאט א קאר, א פארד טאורעס, איך געדענק די קאר ווי יעצט, איך האב זייער ליב געהאט דעם אינגערמאן, איך האב זעלטן געזען אזא התמדה ווי דער אינגערמאן, ער איז געזיצן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט, אן קיין זיק כל דהוא פון צייט פארברענגעריי, ווען איך בין אריין אין מיר האט ער געהאלטן יורה דעה חלק ג', יארן פריער האט ער אנגעהויבן פון אורח חיים חלק א', סימן א'!!! און געפארן אין א גראדע ליניע!! פון אנהייב אורח חיים ביז סוף יורה דעה!!! א זעלטנהייט פון א מתמיד! איך וועל אייך גערן זאגן ווער דאס איז, נאר איך וויל נישט שרייבן זיין נאמען אן אים פרעגן. ער פלעגט מיך גערן נעמען מיט די קאר, אבער רוב מאל בין איך געגאנגען מיט די טרעין.

יעדער מענטש האט זיך זיינע נאטורן, דער אייבערשטער האט געמאכט אז איך זאל נישט ליב האבן צו זיצן ליידיג אויף א טרעין, איך דארף עפעס טון, אדער ליינען, אדער אפשר לערנען, זיצן לאנגווייליג האב איך נישט ליב. אמאל פלעג איך האבן א צייטונג און אמאל האב איך פרובירט צו קוקן אין א ספר.

מיין תקופה אין מיר'ע ישיבה איז געגאנגען פון אלול תשנ"ה ביז אדר א' תשנ"ז. ערגעץ במשך דעם יאר תשנ"ו איז אריינגעקומען אין מיין הענט א ספר וואס האט געטוישט מיין גאנצע לעבן.

איך האב דאך געוואלט זיין א ערליכער איד אזוי ווי יעדער איד וויל זיין גוט, איך פלעג גיין צו משפיעים און אדמורי"ם, גוטזאגערס און מדריכים, מבקשים און מגידים, כ'האב פרובירט צו דערנישטערן וועלכע וועג אדער וועלכע ספר וועט עס מאכן מיט מיר.

איך געדענק קלאר די ספרים וואס איך האב געלערנט אין יענע תקופה. א שטיק צייט די הייליגע תניא פון אדמו"ר הזקן זכותו יגן עלינו, א שטיק צייט וידבר משה, פון ביאלא-פשיסחא גזע, א שטיק צייט א שיינע ליטווישע ספר מיט'ן נאמען "חשבון הנפש".

יעדע שטיק צייט האב איך זיך אנגעכאפט אין א ספר וואס די ספר גייט מיך מאכן פאר א מענטש.

איך בין געבליבן א הונגעריגער. איך האב געזוכט און געזוכט. איך האב אפילו נישט געוואוסט וואס און פארוואס איך זוך, אבער הונגער איז נישט א זאך וואס "מ'פארשטייט". פשוט מ'זוכט און מ'זוכט.

איין טאג פרוביר איך נאך א ספר, "נחל נובע", ס'איז געליגן סתם אזוי אין מיין טאטן'ס שאנק, קיינער האט אפילו נישט געוואוסט אז עס ליגט דארט. ס'איז עפעס א ברסלב'ע ליקוט.

אינטערעסאנט, כ'האב עס קיינמאל נישט געזען זייט דעמאלטס, הלואי וואלט איך עס געקענט האבן, זיך דערמאנען תחלת התקרבותי..........

פלוצלונג יענעם טאג האב איך געזען א זאך וואס איך האב נישט קיינמאל פריער געזען אין מיין לעבן! די ספר האט אנגעהויבן ארבעטן אויף מיר! זאכן האבן זיך אנגעהויבן צו טוישן! גלייך דעם ערשטן טאג האט זיך געטוישט ביי מיר א זאך וואס האלט אן עד היום הזה!!

(איך זאג דיר גערן וואס האט זיך געטוישט, ס'איז נישט קיין סוד, אבער ס'איז נישט אינטערעסאנט פאר די ארטיקל יעצט)

יעצט בין איך שוין געווארן אינגאנצן צוקאכט און צושפרינגען, ווי קען זיין אזא זאך אז א צדיק פון צוויי הונדערט יאר פריער זאל אנהייבן רוקן זאכן אין מיין לעבן?! כ'האב מיך דערמאנט פון אלע ערליכע הארציגע מעשיות אז ס'איז דא צדיקים וואס קענען "אויסוואשן א נשמה", אמאל האב איך געמיינט אז ס'איז עפעס א דראמא דערציילונג, יעצט זע איך עס מיט מיינע אויגן! צדיקים קענען טוישן א מענטש!

כ'האב ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון גרויס סורפרייז אז ס'איז יא דא א ספר וואס קען טוישן זאכן ביי מיר! און גלייך דעם ערשטן טאג!

דעמאלטס בין איך געווארן איבערצייגט אז ברסלב האט עס! ס'איז נישטא מער וואס צו זוכן! מ'זעמיר אויף א גוטע וועג!

אבער! אבער! יעצט קומט די גרויסע "אבער"!! אבער איין גרויסע זאך האט מיר געפעלט! ס'האט מיר געפעלט די זאך פון זאגן משניות! ס'האט מיר געפעלט די הייליגע אשר בנחל! די שכל פון די הייליגע קונטרסים!

ס'איז דא וואס רופן עס "אלגעמיין ברסלב", ס'איז דא נאך נעמען צו מסביר זיין די חילוק פון מיט מוהרא"ש און אן מוהרא"ש. אבער איך וואלט נישט צוריקגעגאנגען צו יענע ברסלב'קייט אפילו פאר כל הון דעלמא.

מיין אזויגערופענע "עכטע" ברסלב'קייט האט נישט געהאלטן צו לאנג, ברוך השם.

ראש השנה תשנ"ז בין איך געוועזן



אין אומאן, די איינציגסטע מאל וואס איך בין געפארן פאר איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש. מוצאי שבת קודש תרומה תשנ"ז האב איך שוין, ברוך השם, געמאכט א סיום אויף מסכת ברכות וואס איך האב "דורכגעזאגט" בגירסא. דעמאלטס בין איך שוין געווען טיף איינגעטון אין מוהרא"ש'ס וועג פון "זאגן" גמרא, ברוך השם.

די גרעסטע נס אין מיין לעבן אז איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש און צו די זיסע וועג פון זאגן גמרא און משניות.

ווען ס'איז געבוירן מיין ערשטע קינד בין איך נישט געווען דערקלערט אפן ביי מענטשן אלץ א מקורב צו היכל הקודש. ווען מיין צווייטע קינד איז געבוירן בין איך שוין געווען אזוי פארקאכט פאר די דרך הלימוד אז ס'איז מיר שוין גארנישט אנגעגאנגען. פאר די זיסקייט פון זאגן גמרא גייט מיך נישט אן אויב אלע וועלן שפעטן פון מיר וועגן ברסלב. איך האב מיך פשוט נישט געקענט בארואיגן פון די זיסע טעם פון זאגן גמרא. איך בין גרייט אויף אלעם. איך האב דעמאלטס געפילט א טעם אין זאגן גמרא אזוי ווי א קינד פון צוויי יאר וואס לעקט אייס קרים מיט אלע צען פינגערס און די ספרינקלס ליגט אים אין ביידע אויערן. וועט ער אויסהערן ווען מ'הייסט אים ער זאל סטאפ'ן צו לעקן די אייס קרים? עס איז מיר ניטאמאל דורך א מחשבה אין קאפ צו הערן וואס מענטשן זאגן אויפ'ן הייליגן דרך הלימוד. איך בין געווען פארציקערט און פאר'שיכור'ט פון די זיסע טעם, כ'האב נאר געוואלט זאגן שעות אין א צי בלעטער גמרא.

דעמאלטס האב איך געמאכט די ברית ביי מוהרא"ש. די ברית איז געווען די טאג וואס מ'איז געפארן אויף אומאן. מוהרא"ש האט זיך אויפגעטון ברבים אז כ'האב זייער גוט געטון אז כ'האב נישט צו סאך גערעדט פון אומאן ביז ממש די טאג וואס מ'איז געפארן. כ'האב געמאכט זיכער אז אלעס גייט על מי מנוחות. כ'האב גוט געהערט וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אז מ'מוז טון כל פעולות שבעולם ס'זאל נישט זיין קיין מחלוקת. וועגן דעם האב איך ווייניג גערעדט פון פון מיין געפלאנטע נסיעה ביז די לעצטע מינוט, כ'האב פארשטאנען אז אזוי וועט זיין פראקטישער, און כ'זע אז מוהרא"ש האט אויך אזוי געהאלטן, ברוך שכיוונתי.

(פארשטייט זיך אז מיין ווייב האט יא געוואוסט אז איך פאר צום רבי'ן, מיט א ווייב לעבט מען א אפענע לעבן)

א האלב יאר פאר הערשי איז געבוירן בין איך געגאנגען יעדן טאג התבודדות א שעה צייט און געבעטן דעם אויבערשטן צו זיין אין אומאן. כ'פלעג דאווענען ותיקין אין גרויסן בית המדרש אויף ראדני סטריט. נאכדעם בין איך געווען א שעה צייט אין אמשינאווער בית המדרש לעבן סאטמאר. ס'איז געווען א ליידיגע פארמאכטע פלאץ. איך האב געהאט די נאמבער פון די שלאס. איך פלעג בעטן כמעט די גאנצע שעה נאר אויף אומאן. מיין נוסח איז געווען "הייליגער באשעפער העלף איך זאל זיין ראש השנה ביים רבי'ן און מיין ווייב זאל





זיין פרייליך מיט דעם" אזוי האב איך געבעטן באלד א שעה, און נאכדעם געבעטן אביסל אויך אויף אנדערע זאכן. אזוי האב איך געטון יעדן טאג! יענע יאר איז געווען די איינציגסטע יאר וואס אונז זעמיר נישט געגאנגען אין קאנטרי פאר די גאנצע סיזאן, נאר א שבת דא א שבת דארט. אזוי בין איך א גאנץ זומער אויך געווען אין מיין התבודדות פלאץ, מתפלל זיין יעדן טאג צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן.

כ'האב אלץ געוואוסט אז הערשעלע'ס ברית איז געווען די ערשטע ברית אין מוהרא"ש'ס נייע בנין אויף די צוויי און פערציגסטע גאס. דער מוהל איז געווען ר' ישראל דוד וויינבערגער ע"ה, דער זיידע פון אונזער טייערע מלמד ר' ישעי' נ"י. עס איז באוואוסט אז מוהרא"ש זי"ע, מיט זיין פקחות'דיגע פראקטישע מהלך, פלעגט זאגן אז ביי מוהלות קוקט מען די ערשטע זאך אויף מומחיות. וועגן דעם האב איך געוואלט נעמען ר' ישראל דוד ע"ה וואס ער האט געהייסן א גרויסער מומחה.

די מקוה אין די נייע בנין איז נאך נישט געווען פארטיג, מוהרא"ש האט מיך געפרעגט אויב איך האב א קאר, האב איך אים גענומען מיט מיין שווער'ס קאר צו די אלטע בנין אויף 47 סטריט צו גיין דארט אין מקוה.

אבער מיין טייערע חבר ר' עזרא נ"י פון קרית ברסלב זאגט אז זיין זון איז געווען די ערשטע ברית אין צוויי און פערציג.

ביי די סעודה האט מוהרא"ש געזאגט אז ער קען נישט זאגן תורה ווייל זיין רבי זיצט דא...... מיין זיידע הרה"ג ר' יודל ז"ל איז געווען א מגיד שיעור אין צעהלים'ער ישיבה ווען מוהרא"ש האט געלערנט דארט, מוהרא"ש האט געלערנט אין מיין זיידנ'ס כתה. וועגן דעם האט ער נישט געוואלט זאגן תורה בפניו.

ביי די סעודה האט מוהרא"ש גערעדט פון מיין זיידע וואס הערשי' הייסט נאך אים, הרה"ג ר' אלעזר צבי גאטליעב זצ"ל אב"ד ניאמץ, ער איז געווען א איידעם בזוו"ר ביים ניאמצער רב זצ"ל, דער גרויסער גאון וואס האט זיך אפגעגעבן מיט התרת עגונות נאך די צווייטע וועלט מלחמה, הג"ר חיים מרדכי ראללער זכרונו לברכה, ובזיווג שני ביי הר"ר אברהם האראוויץ ז"ל, א ברודער פון דעם גרויסן מלחין לבית צדיקים ר' בעריש האראוויץ ז"ל הנקרא ר' בעריש ווישעווער על שם די שטאט ווישעווע.

אז מ'וויל וויסן וואס רבינו הקדוש מ'סאטמאר האט געהאלטן פון דעם באר חיים מרדכי פון ניאמץ, קען מען זען פון דעם באקאנטן סיפור וואס ס'האט דערציילט הרה"ג ר' שלום אייזיקאוויטש ז"ל. ער פלעגט באדינען דעם באר חיים מרדכי. איינמאל האט ער זיך באגעגנט מיט רבינו הקדוש מ'סאטמאר, דאס איז געווען אין ירושלים בשנת תש"ו, און ער באמערקט אז דער רבי גייט יעצט דאווענען טראץ די שפעטע שעה, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן דערויף. די קומענדיגע טאג האט דער רבי געדאווענט אכטע צופרי' און געזאגט שטילערהייט צו זיך: מצוה לשמוע דברי חכמים. קען מען שוין טראכטן וואס דער רבי האט געהאלטן פון אים.........

מוהרא"ש האט גערעדט פון מיין זיידע'ס גדלות בתורה, פון זיין אויסטערלישע התמדה, מוהרא"ש האט געזאגט "מ'זאגט אויף אים אז ער האט חתונה געהאט צו די תורה".

איך געדענק מיין זיידע האט מיר איינמאל אויסגערעכנט אלע פרקים פון ש"ס!!! איך האב קיינמאל אין מיין לעבן נישט געזען א מענטש זאל דאס קענען! עד היום הזה!

גראדע, אז מ'רעדט פון פרקים פון ש"ס, לעצטנס האט מיר די ראש ישיבה געוויזן אז ס'איז דא צוויי פלעצער וואו ס'איז פארטוישט די פרקים, די גמרא לייגט די צוויי פרקים אנדערש ווי די משניות! כ'האב דאס קיינמאל נישט געוואוסט.

(אפשר קען איינער פון די חשוב'ע ליינער אפירברענגען וועלכע צוויי פרקים זענען אויף א אנדערע פלאץ אין די גמרא ווי אין די משניות, איך וויל נישט איבערפרעגן דעם ראש ישיבה, ווייל אפשר אין די צייט קען צוקומען נאך א בריוו אין עצתו אמונה.....)

יעצט איז נאר די שאלה וואס טו איך אז מיין גרויסע זיידע איז שוין נישט אויף דעם עולם? וואס טו "איך"?

מיין זיידן איז גוט אויף יענע וועלט! אבער וואס גיי "איך" טון דארט?!

שכח אייבערשטער אז איך זאג יעדן טאג משניות, גמרא, חומש, תהלים, מדרש, אשר בנחל, עצתו אמונה.

העלף מיר אייבערשטער איך זאל קענען מזכה זיין נאך א איד מיט ענדיגן ש"ס, מיט חזר'ן משניות.

# שטעטל נייעס

## שיך געשעפט אין שטעטל אויפגעמאכט אירע טויערן



א פרישע געשעפט האט זיך געעפענט אין שטעטל, נאכדעם וואס עס עפענט זיך אויף יעדע שטיק צייט א פרישע געשעפט בעזר השם.

יעצט איז די רעדע פון א שיך געשעפט. אלע דארף קויפן שיך יעדע שטיק צייט, עס איז נישט גרינג צו דארפן פארן ערגעץ א לאנגע שטרעקע צו קויפן שיך, עס האט שוין לאנג אויסגעפעלט אז די שטעטל זאל האבן א שיך געשעפט, יעצט איז געקומען די צייט פאר דעם.

אונזער חבר מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו - וואס איז באהאווענט אין דעם פעלד, און קען זיך גאר גוט אויס מיט אלע סארטן שיך, און וואס עס איז די ריכטיגע שיך פאר מענער און פרויען - האט זיך אריינגעווארפן אין דעם ראשו ורובו, נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט אים געמוטיגט ער זאל דאס טון. מען האט אנגעהויבן פלאנען אלע פלענער אויף וועלכע פלאץ דאס צו מאכן, און וויפיל געלט דאס גייט קאסטן צו אינוועסטירן, און אזוי ווייטער.

ביז עס איז ברוך השם אנגעקומען די ריכטיגע מינוט, און די שיך געשעפט האט זיך געעפענט מיטן גאנצן קנאק ווי עס דארף צו זיין. גלייך ביים עפענען האט דער אייגענטומער ר' יואל ארויסגעלייגט א מודעה אז אלע מענער און קינדער שיך וועט האבן א 80% פראצענט הנחה, וואס ווערט ערמעגליכט דורך דער ראש ישיבה, וואס האט געשטעלט זיין זון הרב אלחנן רוטה הי"ו ער זאל זען צו דעקן די איבריגע.

ווי מען הערט צוריק פון אנשי שלומינו, איז דאס געשעפט גאר א געשמאקע געשעפט, צוגעשטעלט מיט די גאנצע געשמאק, און עס נאך די גרעסטע מעלה אז דער בעל הבית איז א ברסלב'ער חסיד, וואס בעט דעם אייבערשטן אויף יעדן פרט ופרט פונעם געשעפט, אז די שיך זאל זיין גוט, און דער וואס קויפט זאל הנאה דערפון, און גיין דערמיט נאר אויף גוטע פלעצער, גיין אין שול דאווענען און לערנען, אהיימגיין צו די ווייב און קינדער ארויסהעלפן מיט די ווערטשאפט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער שיך געשעפט זאל מצליח זיין, און עס זאל זיך ווייטער נאך געשעפטן אין שטעטל צו די צופרידענהייט פון אלע תושבים.

צו קויפן שיך קען מען רופן אויף 845-662-8423.

די אדרעס פונעם שיך געשעפט איז:

73 Huschke Rd Hurleyville NY 12747



# היכל הקודש
# נייעס

## וויליאמסבורג

### קמחא דפיסחא פסח תשפ"ג קאמפיין



ווי באקאנט ווערט היינט צוטאגס באצאלט דורך די אפיס המוסדות פאר איינגעשטעלטע פון אלע מוסדות היכל הקודש, וואס באשטייט שוין היינט פון 5 חדרים, 3 מיידל שולעס, און 2 ישיבות. וואס איז אויסגעשפרייט און עטליכע שטעט אין אמעריקע און אין ארץ ישראל. די פעיראל פון די מוסדות שטייט היינט ביי איבער פינף און דרייסיג טויזענט דאלער יעדע וואך. די הנהלה פרובירט מיט אלע כוחות אויפצוקומען מיט דאס געלט יעדע וואך, און לייגט א פריאריטעט אויף די מלמדים און טיטשערס אז זיי זאלן ווערן באצאלט אין צייט, אבער יעצט אויף פסח האט דער ראש ישיבה געפאדערט אז מען זאל טון וואס מען קען אז אלע זאלן ווערן איינגאנצן אויסגעצאלט.

דער ראש ישיבה האט געבעטן אז אפילו די וואס האבן נישט די מעגליכקייט צו געבן אליינס, זאלן גיין נאך געלט ארויסצוהעלפן באצאלן די חובות וואס ער האט פון די מוסדות. דער ראש ישיבה זאגט אז ווען מען העלפט די מוסדות העלפט מען זיך אליינס, מען טוט אים נישט קיין טובה. פארוועם דארף ער די מוסדות אויב נישט פאר אונז?

דערפאר ליגט אויף אונז א פליכט זיך אנצושטרענגען און זיך באשטייערן מיט וויפיל מען קען נאר, און מיט דעם אראפ נעמען דעם עול פונעם ראש ישיבה, אז ער זאל קענען גיין צום סדר מיט א רואיגע געוויסן, וויסענדיג אז אלע איינגעשטעלטע זענען געווארן באצאלט.

שפירט פאר א זכי' זיך משתתף צו זיין צום קמחא דפסחא קאמפיין פון די מוסדות, און רופט אדער טעקסט שוין דעם מנהל המוסדות מו"ה אברהם משה שטראסער הי"ו אויף 917-578-0495, אדער דעם גבאי צדקה מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו אויף 845-662-3207, צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים, ופרוטה ופרוטה מצטרפת!

דער הייליגער רבי' זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן רא) אז די ראשי תיבות פון די פסוק (תהלים קיב, ט): פ'זר נ'תן ל'אבונים - איז 'נפל', אז מען טיילט אויס געלט פאר ארימעלייט - ווערט מען געראטעוועט פון די מחלה".

## לאנדאן

### חנוכת הבית וקביעת מזוזה אין היכל הקודש לאנדאן



א הערליכע חנוכת הבית צוזאמען מיט קביעת מזוזה, איז פארגעקומען אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש לאנדאן פארגאנגענעם זונטאג פרשת ויקרא.

די חשובע גבאים האבן איינגעלאדענט דעם חשובן דיין הרה"ג רבי מאיר מארקאוויטש שליט"א דומ"ץ סאטמאר לאנדאן צו לייגן דעם מזוזה אויפן ערשטן טיר ווי מען קומט אריין. דערנאך האט מען געמאכט א לחיים אין בית המדרש, ווי מען האט געהאט די זכי' צו הערן גאר טייערע דיבורים פונעם דיין שליט"א אז זה הקטן גדול יהי', דער שיינער ווינקעלע וועט נאך גרעסער ווערן, נאר אויב וועט מען זיין באחדות און ארבעטן צוזאמען מיט ליבשאפט. אויך האט ער צוגעלייגט אז מען זעט היינט אז אן דעם הייליגן רבי'ן קען מען זיך היינט נישט אן עצה געבן אין לעבן, מען מוז אנקומען צו די עצות פון הייליגן רבי'ן. אויך האט מען געהערט דיבורים פון מו"ה חיים יוסף ארגל שליט"א וואס איז אן אייניקל פונעם הייליגן רבי'ן

# מעשיות פון תפילה



## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

א גרויסן יישר כח פאר די גאנצע שטאב ה'קרית ברסלב בלעטל, מיינע קינדער ווערן צוגענאגלט דערצו יעדע וואך צוגלייך. א גרויסן דאנק אייך.

מיין זון האט געזען אין די בלעטל פאריגע וואך ווי איינער האט אריינגעשיקט א מעשה פון תפלה אז ער זאל זיך קענען ארויסזעהן פון א שניי גרוב, ליינענדיג די שורות געבט ער זיך א רוף אן: "איין מינוט, ס'האט שוין לאנג נישט געשנייט, הייליגער באשעפער העלף ס'זאל זיך אראפלאזן א פעסטע שניי אין שטעטל!" איך האב זיך אביסל אונטערגעלאכט, 'יעצט זאל שנייען? ווינטער איז שוין פארביי...' אבער איך בין נתפעל געווארן פון מיין אינגל'ס תמימות.

גייט נישט אדורך קיין טאג און איך קוק ארויס פון מיין פענסטער אינדערפרי און א שניי-ווייסע שניי האט זיך אראפגעלאזט אויפן האריזאנט...

אפילו א שניי אינמיטן די ערב פסח סעזאן קען מען פועל'ן דורך תפלה!

שכח אייבערשטער!

## אברהם צוויבל - קרית ברסלב:

א) "מצוה גדולה להיות בשמחה, להיות בשמחה תמיד..."

יעדן טאג נאך שחרית צוזינגען זיך די תלמידי היכל הקודש מיט אט דעם תנועה, ווייל דאס האט דער רבי' געוואלט פון אונז, מיר זאלן שטענדיג זיין פריילך.

דעם אמת איז אבער אז ס'איז שווער זיך צו האלטן פריילך א גאנצן טאג, מחמת דער יצר הרע איז א מורא'דיגע פראפעשענעל צו צוברעכן די מענטשהייט, און ווי ס'שיינט מאכט ער גאר א גוטע דזשאב.

איך האב היינט אינדערפרי געטראכט אז איך קען פשוט בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, איך זאל זיין נאר פריילך היינט די גאנצע טאג, און אזוי האב איך טאקע געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זיין זייער פריילך דורכאויס די גאנצע טאג, זאל זיין וואס זאל זיין, און ברוך השם מ'האלט שוין סוף טאג און איך קען זאגן אז יא, דער אייבערשטער האט געהאלפן איך בין געווען זייער פריילך פון אינדערפרי ביז יעצט.

ב) איך בין געפארן צו א גרויסע שטאט נישט ווייט פון שטעטל צו גיין אביסל הפצה - פארשפרייטן אביסל דעם רבינ'ס ליכטיגקייט פאר נאך אידן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די הפצה זאל זיך שיין אויסארבעטן, דער עולם זאל נעמען פון די קונטרסים, און אזוי ווייטער, און שכח אייבערשטער אז ס'האט זיך זייער גוט אויסגעארבעט, אלע האבן גענומען די ספרים און זיך שיין באדאנקט.

שכח אייבערשטער.

## אלי ציג - וויליאמסבורג:

שוין א לאנגע צייט וואס מיין קאר האט זיך ארומגעדרייט אן לייסענס פלעיטס, איך האב שוין א לאנגע צייט געוואלט גיין עס מסדר זיין אבער ס'האט זיך פארשלעפט.

איין שיינעם טאג שטיי איך אויף און איך זעה ווי מ'האט ארויפגעלייגט א שלאס אויף די רעדל פון מיין קאר, ווען איך האב דאס באמערקט האב איך נישט געוואוסט וואס איך דארף דא טון ווייטער, וועם רוף איך, וואו גיי איך... ביז איך האב אויסגעפונען וועם מ'דארף רופן, איך רוף זיי אריין, און ווער ס'קען זיך אויס ווייסט אז אזא זאך קען צומאל נעמען גאר א לאנגע צייט, פשוט ווייל ס'איז נישטא צו וועם צו רעדן... אבער איך האב דאך יא צו וועם צו רעדן איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך באקומען מיין קאר אינעם זעלבן טאג, און שכח אייבערשטער יענעם טאג האט מען שוין אראפגענומען די שלאס פון די קאר.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

זֶע צוּ טוּן חֶסֶד מִיט דַיין חַבֵר; אַז דַיין חַבֵר דַארְף צֶעטֵיילְן זַיינֶע קִינְדֶער פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי, לְמָשָׁל וֶוען עֶר דַארְף הָאבְּן אַ קִינְד וְכוּ' אוּן עֶר קֶען נִישְׁט הַאלְטְן זַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ טוּ מִיט אִים אַ חֶסֶד אוּן נֶעם אַ קִינְד. אַ יוּנְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן; אִיךְ גֵיי הָאבְּן אַ קִינְד לְמַזָל טוֹב, מִשְׁפָּחָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, חֲבֵרִים קֶענֶען נִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ דָא?" בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ אִיז שַׁיָיךְ זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי צוּ טוּן **אַ טוֹבָה פַאר אַ חַבֵר** אוּן אִים הֶעלְפְן, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ לוֹיפְסְט נָאךְ דָאס גֶעלְט וְכוּ'; **גֶעלְט וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן**, מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן. דֶער כְּתַב סוֹפֵר טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם פָּסוּק (תְּהִילִים נא, טז): "**הַצִּילֵנִי מִדָּמִים אֱלֹקִים**", אַז דָוִד הַמֶלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מַאכְן פוּן מַיין גֶעלְט אַן אָפּ-גָאט"; דָאס אִיז מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'בַּעַל תְּפִילָה' (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב) אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי לַאנְד פוּן עֲשִׁירוּת הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן זֵייעֶר גֶעלְט גָא-טְ'ן, מַלְאָכִים, מֶענְטְשְׁן אוּן חַיוֹת וְכוּ'.

מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים. יֶעצְט אוֹיף שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ אִיר מוּטִיגְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער. **לָאז אָפּ טַעֲנָה'רֵייעֶן**; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מַאן אוּן וַוייבּ קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, זָאלְן זֵיי **אַרָאפּ שְׁרַייבְּן זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת אוֹיף אַ צֶעטְל אוּן דָאס אַרַיין וַוארְפְן אִינֶעם פֵייעֶר בַּיי שְׂרֵיפַת חָמֵץ** אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶם בְּלַאט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "**אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?**" דָאס דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן דָא וִוי אַ גוֹלֶם?! אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁפִּירְן אַבִּיסְל וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, צוּם פֶּה-סָח".

**אַ גוּטֶע נַאכְט.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## הַכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח
## חֵלֶק ג'

**אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן גֶעזָאגְט:** יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "**וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר**", דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט אִים פַארְקֶערְט וִוי עֶר וִויל, "שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ וִויל!" וָואס מִיט דֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר**", אוּן אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן וִויל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

### פֶּסַח'דִיגֶע מַאֲכָלִים

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן עֶסְן פֶּסַח דִי אַלֶע זַאכְן וָואס קוּמֶען הַיינְט אַרוֹיס מִיט אַן הֶכְשֵׁר; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי רַבָּנִים וָואס גֶעבְּן אַן הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן!" אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ נִישְׁט וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ אַז זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען עֶסְט סִירְיֶעל, פִּיצַא אוּן בֶּעיגְלְ'ס וְכוּ'; פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען עֶסְט נִישְׁט נָאר וָואס מֶען מַאכְט אִין שְׁטוּבּ אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי עֶלְטֶערְן. קוֹיף אַסַאךְ מַצָה, דָאס זָאלְסְטוּ עֶסְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב - דוּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָה אֱמוּנָה.



# א מעשה
## פון א צדיק

### אִיךְ הָאבּ אַפֶּעטִיט

אַמָאל זֶענֶען גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט תַּלְמִידִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן אַ וַואלְד. פְּלִיצְלוּנְג זֶעהְן זֵיי אַ אִינְגֶערְמַאן שְׁטֵייט דָארְטְן (דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) אוּן טַאנְצְט אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּסְטוּ דָא? וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה וָואס דוּ פְרֵייסְט דִיךְ אַזוֹי? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט "עֶס אִיז שׁוֹין דֶער דְרִיטֶער טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעסְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל מִיךְ צוּבְּרֶעכְן אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דַאנְקְן גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיךְ הָאבּ אַפֶּעטִיט אוּן אִיךְ קֶען עֶסְן. לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן בְּשֶׁפַע נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר קְרַאנְק אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַפֶּעטִיט צוּ עֶסְן, אוּן דַאנְקְן גָאט אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט".

הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גְלַייךְ בַּאשְׁלָאסְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: דוּ בַּאלַאנְגְסְט צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. זֵיי הָאבְּן אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: אוֹיף דַיין נְשָׁמָה וַוארְט אִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג. אוּן הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז אִין זַיין צַייט הָאבְּן אִידְן גֶעהַאט פַּרְנָסָה, וַוייל עֶר הָאט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר גֶעזָאגְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוֹיף פַּרְשַׁת הַמָן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען פַּרְנָסָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי קְלֵיינֶע דֶערְפֶער הָאבְּן אִידְן גֶעהַאט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן וֶוען סְ'אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען קַיין גוֹיאִישֶׁע קוֹנִים, הָאבְּן זִיךְ מַלְאָכִים פַארְשְׁטֶעלְט וִוי גוֹיאִישֶׁע קוֹנִים אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קוֹיפְן בַּיי זֵיי סְחוֹרָה, אַזוֹי הָאבְּן אִידְן גֶעהַאט פַּרְנָסָה. קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל פוּן רִימָאנוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.



ציון רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע

אוּן צוּ דֶעם מַדְרֵיגָה אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶס אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין זִיךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶעגֶעסְן דְרֵיי טֶעג פוּן אָרֶעמְקֵייט נָאר אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט.

(אשר בנחל אידיש מכתב רנב)

# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- כ"ו -

**פארזעצונג פון פריער:** ווען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט, נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן ז"ל פְלֶעגְט קוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אִים אוּן אוֹיפְפְלַאמֶען זַיין הַארְץ אַז עֶר זָאל אִים אוֹיךְ נָאכְטוּן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִים, אוּן דֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן ז"ל פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

***

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן דַאן אִיז גֶעוֶוען מִיטְוָואךְ. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּנֶעם תַּעֲנִית, אַזוֹי וַוייט אַז סְ'הָאט גֶערִינֶען בְּלוּט פוּן זַיין נָאז, פוּן זַיינֶע צְוֵויי אוֹיגְן, פוּן זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן פוּן זַיין מוֹיל.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט מַאכְן דָארְט אַ טוּמְל אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשְׁלַאפְט. אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּארוּאִיגְט מִיט חָכְמָה, זָאגְנְדִיג, "אַזוֹי גֵייט עֶס אֵייבִּיג, אִינְמִיטְן דִי וָואךְ וֶוערְט זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס פַאסְטְן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער בַּארוּאִיגְט זִיךְ עֶס, וֶועסְט זֶען אַז מָארְגְן וֶועט מִיר שׁוֹין זַיין פִּיל גְרִינְגֶער".

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעמוּזְט שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁווֹאוֹירְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן אִיבֶּער דִי תַּעֲנִיתִים וָואס דֶער רֶבִּי פַאסְט.



אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט לִיגְן אִין בֶּעט מִיט דִי פִּיס אַרוֹיס, צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען דִי שְׁוַואכְקֵייט.

דֶעמָאלְט, אִינֶעם רֶבִּינְ'ס יוּנְגֶע יָארְן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה. עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוֹיף גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן יֶעדֶעס מָאל, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּנֶען דִי מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוען נִישְׁט סְ'שְׁטֵייט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן קְלָאר אִין חֲזַ"ל (קִידּוּשִׁין ל':) אַז מְ'טָאר נִישְׁט זָאגְן "גִּירָא בְּעֵינָא דְשִׂטְנָא" - אַ פַייל אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם שָׂטָן, דָאס מֵיינְט אַז חֲזַ"ל לָאזְן נִישְׁט זִיךְ רֵייצְן מִיטְ'ן שָׂטָן - וָואלְט אִיךְ דָאס יָא גֶעזָאגְט, אִיךְ וָואלְט זִיךְ יָא גֶערֵייצְט מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע.

"אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט בִּכְלַל דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל פוּן תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, בַּיי מִיר אִיז דָאס גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן פַאר מִיר. סְ'זִיכֶער דָא אַ סוֹד אִין דֶעם וָואס סְ'שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אַז דִי תַּאֲוָה אִיז אַ נִסָּיוֹן, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן. וֶוער סְ'וֵוייסְט אַבִּיסְל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קל"ה, ה') **"כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'"**, וַוייל 'אִיךְ' וֵויס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר בַּאגְרֵייפְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער סְ'וֵוייסְט דָאס אוּן פַארְשְׁטֵייט דָאס רִיכְטִיג, פַאר אִים אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן. בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ מַאן אוּן אַ פְרוֹי, סְ'בְּרֶענְגְט מִיר נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן".

דָאס הָאט אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אָבֶער אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן עֶס בַּייגֶעקוּמֶען.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**

# הצלה




ישראל דוד העסקעל

אוי! גיי איך אים ווייזן! באלד ווערט גרין, איך גיי געבן א פלי און זיך שטעלן אינמיטן גאס. איך גיי אים נישט לאזן דורך פארן!

איך האב שוין מיט אסאך מחוצפים געהאנדלט, אבער אזאנס האב איך נאך קיינמאל נישט געהאט!

...

דער יומי אדער יומי'לע ווי מ'רופט אים בלשון חיבה... ער איז פון די געהעריגע נארמאלע מענטשן... ער שטייט אויף 7:30 פונקטליך, ער גייט אין מקוה, כאפט די 8:00 מנין. 9:00 איז ער שוין אויפ'ן וועג צום אפיס, בדרך כלל קומט ער שוין אן 9:30, ער פירט זיין ביזנעס ווי א שיפס קאפיטאן, ער האט יארן עקספיריענס ער ווייסט ווי איין און ווי אויס... יעדער קומט אים פרעגן עצות אין ביזנעס... זאג נאר ווי אזוי מאכט מען עס? די אלע סארט גוטע ביזנעס קשיות...

היינט איז נישט קיין טאג אנדערש פון אלע טעג, 9:02 איז ער שוין אין קאר, ער זאגט אלץ פאר זיינע חברה אז זיין קאר איז צו גאט און צו לייט... נישט ווי די אלע יונגעלייטלעך וואס פילן אז זיי מוזן זיך אויפרייסן מיט א מאדערנע עס יו ווי... ס'ממש גרוילט אים ווי די דורות פאלן...



ער זעצט זיך אריין אין קאר, צינדט אן דעם מאטאר, און ער איז אויפן וועג. ער פארט אזוי צוויי גאסן, אין איין האנט האלט ער דעם רעדל, און די צווייטע זיין טעלעפאן (ער איז דאך א גרויסער ביזנעסמאן) ביי די דריטע גאס איז געווארן רויט.

ער זיצט דער ערשטער. דער רויט נעמט דאך אפאר מינוט טראכט ער צו זיך... ער ווענדט זיינע אויגן צום טעלעפאן און הייבט אן קודם מסדר זיין די אימעילס, נאך א מינוט געבט ער שנעל א הייב אויף די אויגן צו זען אויב ס'שוין גרין - ניין ס'נאך רויט, ער קען נאך ענטפערן איין טעקסט מעסעדזש...

אזוי אינמיטן זיך טעקסטן קומט עפעס א מחוצף - אבער נישט סתם, און ער פייייפט! א מין חוצפה?! וואס, ער קען נישט ווארטן א מינוט? איך זע אויך אז




ס'גרין נא וואס איז? ער קען נישט אויסהאלטן נאך א רגע? איך וועל ענדיגן מיין טעקסט און נאכדעם וועל איך פארן!

דער פון אונטן ווייסט נישט קיין מעשיות, ער פייפט און פייפט. ביז ענדליך האט זיך אונזער יומי'לע גענומען זיך ריקן. דער יומי האט אבער מחליט געווען אז ער גייט אים לערנען טאנצן! א מחוצף מוז מען שטעלן אין פלאץ!

יומי הייבט אן פארן, ער זעצט זיך אריין אינמיטן די גאס אזוי אז קיינער קען אים נישן פעסן (אדורך פארן), ער פארט זיייייער זייייייייייייער שטייייט, אזוי זיצט ער זיך ווי א ברייטע מחותן, זאל ער יעצט פלאצן, איך וועל אים לערנען טאנצן איינמאל פאר אלעמאל!

אבער דער קאר פון אונטן האט זיך נישט געלאזט, ער איז ביי איין פונקט ארויף אביסל אויפן סייד וואק און ער געבט א פלי אין פארנט פון אונזער יומי'לע!

רויך הייבט אן צו גיין פון זיין נאז! אזא חוצפה! דאס האט שוין נישט קיין גבול, איך מוז אים לערנען דרך ארץ, אוי גייט ער כאפן, באלד גיי איך אים אויסכאפן און איך גיי זיך שטעלן פארנט פון אים און איך גיי גיין אזוי מין שטאַט ביז איך וועל אים דערלערנען, אבער דאסמאל וועל איך שוין מאכן זיכער אז דרייט זיך נישט ארויס!

אזוי הייבט ער אים אן נאכיאגן און נאכפליען, ער פייפט און ער בליטשקעט מיט די לעמפעלעך, אבער דער חצוף מאכט זיך פשוט נישט וויסענדיג!

ער פארט רעכטס און דער פארט לינקט, ער נעמט אים שוין כמעט איבער. אבער פונקט קומט א טרעילער צו שמייסן און די לעצטע מינוט איז ער ווייטער געבליבן הונטערשטעליג... אבער ער ווערט נישט פארלוירן... ער קען די חברה ער ווייסט ווי אזוי מ'לערנט זיי טאנצן...

ער האט שוין פארגעסן פון די זייגער, פון זיין אפיס, פון זיין ביזנעס, יעצט איז דא איין זאך אויף די אגענדע: לערנען דעם מחוצפ'ל טאנצן! אזוי פארן זיי אפאר שטרעקעס, און יעדעס מאל דער יומי כאפט אים כמעט די לעצטע מינוט געבט זיך יענער פונקט א דריי ארויס און פארט ווייטער.

יענער מאכט זיך נישט וויסענדיג פון די פייפערייען און די בליטשקערייען, יענער פליט זיך זיין וועג כאילו יומי עקזיסטירט נישט! דער יומי קען עס נישט אויסהאלטן, ער וויל אים שוין כאפן און אפשטעלן אבער אלץ דרייט ער זיך ארויס... ביז!

ביז פלוצלינג געבט זיך יענער א שטעל אפ און שפרינגט ארויס פון קאר! דער יומי איז שוין אזוי כעס'יג ער טראכט צו זיך, אהא! ער קומט ארויס פון קאר?! - דא גייט גיין מכות! יעצט וועל איך אים שוין ענדליך לערנען דרך ארץ! גענוג איז גענוג!

יומי שפרינגט ארויס פון קאר, עס גיסט אים די כעס פון די אויגן, ער קען שוין






קוים ווארטן צו קאנפראנטירן יענעם, ער גייט אים לערנען טאנצן!

ער שרייט אים נאך "האלא..." אבער דער מאכט זיך ניטאמאל וויסענדיג, יענער קוקט אים נישט אן! ער לויפט ארויף אויפן סיידוואק, און דער יומי לויפט אים נאך. ענדליך זעט ער ווי יענער בייגט זיך אראפ, איינער ליגט דארט אויף דער ערד! ער גייט צו אביסל נענטער און פאלט גראד א פאר'חלש'טער!

זיין בחור'ל ליגט דארט אויף דער ערד באוואוסלאז, און דער מחוצף [הצלה מאן] איז אים געקומען געבן סי פי אר! (לופט)

...

דער מפיץ לויפט, ער איז אויף א מיסיע צו ראטעווען דיין בחור'ל וואס פאלט נעבעך, אבער דו פרובירסט אים צו פארשטעלן די וועג... מ'האט א געהאלטן נישט געהאלטן... לאמיר זען וואס דו פארשפרייטסט דא...

דער מפיץ האט נישט קיין צייט פאר דיך! ער קוקט דיר אפילו נישט אן, ווייל ווען איינער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד האב איך נישט קיין צייט יעצט צו הערן פון דיר קלוגע הסברים פארוואס מ'טאר נישט קוקן דא אדער גיין דארט...

דער ראש ישיבה פארציילט אלץ אז ווען ער איז מקורב געווארן צו מוהרא"ש, זענען אלע חכמים און נבונים אים געקומען פארציילן כל דבר אסור אויף מוהרא"ש אלע לשון הרע'ס און הוצאת שם רע, אבער דער ראש ישיבה האט יעדן געענטפערט: "לאמיר זאגן אז אלעס וואס דו זאגסט איז אמת, גייט מיר עס בכלל נישט אן, ווייל מיר ברענגט ער צום אייבערשטן, מיר מאכט ער זיין אן ערליכער איד"!!!

דאס איז די גרויסע עבודה פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, וואס ברענגן אריין פשטות יהדות אין אונזער דור, לערנט אונז פשוטע פשוטע מענטשעלעך ווי אזוי מיר קענען זיין ערליכע אידן ווי אזוי מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן און אונזער מצב!

(תשואות חן פאר מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו פאר דער שיינע געדאנק פון די משל און נמשל, יישר כוחכם!)






ווער וואו ווען?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




אינגעלייגט שיעור אין ישיבה - מאנטאג נאכט
ב' אחרי קדושים תשע"ה

# שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

## די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל

# חכמת נשים

ל. שיינער

# קליינע תנועות גרויסע זכיות

אין דאקטער'ס זאל איז שטיל. איינער קומט, איינער גייט. ס'איז ריין און די פישעלעך וואס שווימען זיך ארום אין די זייט, געבן צו צו די רואיגקייט.

איך ווארט די דאקטער זאל מיר אריינרופן. דערוויילע קען איך אויסנוצן די מינוטן. איך גיי צו די קליינע ספרים שאנק נעבן די פיש טאנק, ליגט דארט תהילים'לעך, אפאר ספרים, אויסגאבעס - אינצווישן די אויסגאבעס ליגט אויך א קרית ברסלב בלעטל - אויך איז דא צייטונגען. ביי די זייט ליגט אריינגעשטופט צוויי ברסלב'ע קונטרסים מיט אן עצתו אמונה.

מיין אויסוואל איז געווען די תהילים. אראפזעצנדיג זיך ביי א ווינקל נעבן פענסטער, מיש איך אויף צו די היינטיגע יום, לאמיר אריינכאפן וויפיל איך קען.

קומט אריין א פרוי אביסל עלטער ווי מיר, אבער נישט אלט. נישט צו נידריג און נישט צו הויך. די קלייד נישט צו ברייט און נישט צו שמאל. די שיך נישט צו מאדערן און נישט צו יאנטשי. שיין דאר און שיין געבינדן די טיכל אויף ארויף. איר טריט איז שיין, נישט צו שטאט און נישט צו שנעל. איר רעדן צו די סעקרעטערי איז איידל, נישט צו הויך און נישט צו שטיל. אויך ווען זי זעצט זיך אראפ אביסל אפגעריקט פון מיר איז עס מיט ספעציעלע אריסטאקראטישע באוועגונג.

איך, פון מיין זייט האב זיך די גאנצע צייט געהאלטן פארנומען מיט מיין תהילים. אבער פון די זייט פון מיין אויג האלט איך מיט ווי זי מאכט מיט איר מאדנע פאקסן און באוועגונגען. זי מאכט אויף איר מויל גרויס ווי צו איינשלינגען עפעס, און נאכדעם מאכט זי צו. דאן שפרייט זיך אויס די ליפן זייער ברייט אזוי ווי א פורים שמייכל, און נאכדעם צוריק שמאל. זייער אן אינטערעסאנטע סצענע! וואס קען עס מיינען? זי זעט דאך אויס ווי א געזונטע מענטש.

שוין, טראכט איך צו מיר, 'וואס גייט מיר אן פון יענעם'. איך האב מיין תהילים און צווישן די פסוקים רעד איך אפאר ווערטער צום אייבערשטן אויף מיין אייגענע שפראך.

קומט אריין נאך איינער, גוט אויפגעלייגט. די צוויי פרויען באגריסן זיך און שמועסן געשמאק, זעט אויס אלטע באקאנטע. די ערשטע פרוי איז מסביר פאר די צווייטע פארוואס זי מאכט אזעלכע באוועגונגען מיט איר מויל. ווען זי האט א איבעריגע מינוט, ניצט זי אויס די צייט צו מאכן ספעציעלע איבונגען וואס איז גוט פאר די jaws - די ביינער פון די מויל. עס העלפט בעסער פארדייען די עסן און נאך בענעפיטן.

ווייטער ווייזט זי ארויס איר קענטעניס פון אנדערע איברים וועלכע איבונג איז וויכטיג פאר וועלכע חלק פון די מח, און פאר די מוסקלען זיך צו קענען גוט בייגן. אויך איז זי גוט אינפארמירט ווי מ'דארף קלאפן און אריינאטעמען און ארויסאטעמען, און אזוי האלט זי אויף איר קערפער זאל זיך גוט אנטוויקלען און איר האלטן געזונט ביז די הונדערט יאר בעזר השם.

עס גיבט מיר א בליץ אריין! איין מינוט עס איז מורא'דיג וואס זי זאגט! מיט אביסל באוועגונגען פון איר מויל און די איבריגע מינוטן וואס וואלט סייווי געגאנגען אין ים אריין, קען איר דאס געבן א געזונטע לעבן ביז די הונדערט יאר!

אז איך וועל נאר מאכן קליינע באוועגונגען מיט מיין מויל, נאך א ווארט צום אייבערשטן, און נאך א קאפיטל תהלים, וועל איך פון דעם האבן ריווח און ענדלאזע הנאה, נישט נאר ביז הונדערט יאר, נאר פאר א צייט וואס איז אייביג. א באגריף פון אייביגע אייביגקייטן וואס א מענטש קען זיך נישט אויסמשל'ן. איך קען עס טון אין די אלע מינוטן וואס וואלט סתם געגאנגען אין ים אריין - עס וואלט פארוואסערט געווארן.

זיץ איך ווייטער אין ווארט זאל און איך זאג תהלים, אבער מיט אזא זיסקייט - איך האב נאך א מינוט אריינצוכאפן - עפעס אנגרייטן לעולם הבא.

אין ווארט זאל בין איך אין א צומצם, איך קען באוועגן נישט צופיל מער ווי מיין מויל. אבער ווען איך קום אהיים, האט דער אייבערשטער מיר געגעבן א מתנה - די ערב פסח ארבעט! א ספעציעלע מתנה פאר די פרויען זיך צו צוגרייטן צום סדר נאכט. שכח אייבערשטער, איך קען באוועגן מיין גאנצע גוף, יעדע אבר! צום ביישפיל, איך וואש אפ די קאוטש. מען בייגט זיך, מען קראצט און רייבט, און בשעת'ן וועקיומען כאפט מען א תמימות'דיגע שמועס מיט'ן אייבערשטן:

"די הייליגער באשעפער וואס טו איך מיט די ברעקלעך וואס קומט נישט ארויס?"

"וויפיל פעלט אויס צו רייבן?"

"וואס זאל איך טון נעקסט, ווען איך ענדיג מיט דעם?"

באלד קומען שוין די קינדער אהיים, "איז כדי זיי אריינצונעמען אין די ארבעט, אדער איז בעסער יעצט צו אפשטעלן די ארבעט, און שפילן מיט זיי?"

"איז וויכטיג היינט צו קאכן א קרעפטיגע זופ מיט א ברייטע נאכטמאל, אדער יעדער וועט שוין זיין צופרידן מיט עפעס א גרינגע זאך?"

"אפשר איז יעצט אין פלאץ צו כאפן א דרימל און שפעטער בעטן הילף פון די קינדער אדער גויטע?"

די שאלות און ספיקות צו אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן איז גרויס, מיט די מטרה איז נאר איינס. אלעס איז צו געבן שטאף פאר די אידישע מאמע צו קענען מער רעדן צום אייבערשטן און מאכן ווי מער באוועגונגען פארן אייבערשטנ'ס וועגן, אז ווען מיר וועלן שוין ענדליך דערגרייכן צום הייליגן אויסגעוואורטעטע סדר נאכט, זאל אונזער הארץ זיין אויסגעלייטערט און אונזער אמונה אנגעפולט.

די רווחים - די זכותים וואס בלייבט, איז אויף אייביגע אייביגקייטן וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ענדע!

"אייבערשטער העלף איך זאל קענען טון ריכטיגע תניעות וואס ברענגט אייביגע זכיות."



פאר די
# ברסלב'ע שטוב

א. פאפנהיים

# א פסח'דיגע
## הארץ

אה, א מחי'ה! ש'כח אייבערשטער! איך האב טיף אריינגעאטעמט די פרישע ריינע לופט, און באטראכט מיט צופרידנהייט די פירות פון מיין הארעוואניע.

יא, נאר ווייל איך האב נישט קיין פסח'דיגע קאך האב איך זיך ערלויבט דעם לוקסוס פון גוט ריין מאכן יעדע ווינקל פון קאך, היינט האבן מיר גע'כשר'ט די קאך און איבערגעדעקט מיט זילבער פאפיר, און אויב דער אייבערשטער וועט וועלן, וועט מען שוין מארגן קענען טראכן פון אנהייבן קאכן לכבוד יום טוב.

איך האב נאכאמאל געעפנט די קאך שענקלעך, איינע נאך די אנדערע, און זיי האבן צוריק געשמייכלט מיט א גלאנציגע ריינקייט. איך האב זיך קוים געקענט אפרייסן פון דארט, אבער א בליק אויפן זייגער האט מיר דערציילט אז אט אט קומען די קינדער צוריק פון פארק, און מען דארף עסן נאכטמאל.

אין חמץ'דיגן ווינקל האבן מיינע הענט צאמגעשטעלט א שנעלער נאכטמאל פון גרינצייג און אייער, ווען איך האב געהערט ווי די טיר עפנט זיך ברייט.

"א גוטן טאג!" האב איך אויסגערופן.

קיין ענטפער.

ווער קען עס זיין? די קינדער וואלט איך שוין זיכער געהערט.

<<<<<



איך האב ממשיך געווען צו צושניידן די גרינצייג, און פלוצלונג האבן מיינע אויערן אויפגעכאפט א פארדעכטיגטן גערויש פון קאך. איך האב אפגעלאזט די טאמאטע, אזוי מיט די מעסער אריינגעשניטן, און צוגעלאפן זען וואס טוט זיך דארט.

ש - ל - מ - ה - ל - ע !!! וואס - טוסטו - דא ???

אזוי, מיט די שיך ארויפגעקראכן אויפן איבערגעדעקטן קאונטער???

(ווער שרייט אזוי? איז עס טאקע מיין קול?) דו זעסט נישט אז די קאך איז שוין פסח'דיג?!

דו געדענקסט נישט ווי טאטי האט גע'כשר'ט די קאונטער'ס?!

ווי אזוי ביסטו שוין דא?

וואו זענען אלע קינדער???

שלמה'לע האט זיך האסטיג אויסגעדרייט, מיט א פארדעכטיגטן גלאנץ אין די אויגן.

אבער... אבער... מאמי...

איך וויל פון גארנישט הערן!!! די מינוט קום אראפ פון דא!!!

אין א סעקונדע איז ער געווען אויפן ערד, און ארויסגעלאפן פון קאך.

איך בין געבליבן שטיין פארשעמט, ברענענדיג פון כעס, מיט די צונג אינדרויסן.

וואס טוט זיך מיט דיר? אזוי צו שרייען אויף א קינד? וואו איז געגאנגען אלע שיעורים, דרשות, און בריוון וואס דו הערסט און לייענסט? דו ווייסט נישט אז א משהו כעס איז ערגער פון א משהו חמץ? ווי אזוי ווילסטו זאל דיין קינד געדענקען די ערב פסח אינדערהיים, א מאמע וואס שרייט? וואספארא טעם וועט ער נאכדעם האבן אין אידישקייט? וואס וועט וואקסן פון אים? וואס וועט זיין מיט **דיר**? ווען וועסטו שוין ווערן א רואיגע געדולדיגע מאמע? פארוואס האסטו קינדער, צו שרייען אויף זיי?

גרויסע ניסים אז די קינדער זענען אין יענע מינוט אריינגעקומען אין שטוב, אזוי האט יענע שרעקעדיגע באשולדיגונג'ס שטימע געמוזט שטיל ווערן.

קומט קינדער, מען גייט עסן נאכטמאל. ניין, נישט אין קאך, אלע קומען דא צום סינק זיך וואשן די הענט, יעדער גייט יעצט דארט אין ווינקל, נחמן נתן זיץ דא נעבן שרה'לע און פייגא'לע, לאז פלאץ פאר שלמה'לע, נאך א מינוט קומט ער אויך עסן.

אה, אט איז שלמה'לע, קום צדיק, קום זיך וואשן די הענט, ביזט זיכער זייער הונגעריג. ער קוקט מיר אן מיט רויטע פארוויינטע אויגן, אבער מאמי, אונז האבן עסן?

וואס??? פארוואס טראכסטו אז אונז האבן נישט עסן?

ווייל... ווייל... איך בין אהיימגעלאפן פון פארק זייער שנעל, ווייל איך בין געווען זייער הונגעריג, איך בין אנגעקומען דער ערשטער, און כ'האב געזען אין קאך אז אלע שאפעס איז ליידיג, ס'איז גארנישט דא עסן דארט.



שעפעלע! וועגן דעם מיינסטו אז אונז האבן נישט עסן?!

קוק דא אין ווינקל איז נאך דא חמץ, ווען אלע וועלן ענדיגן עסן, וועט מאמי ווייזן פאר אלע קינדער אונזער שיינע פסח'דיגע קאך.

אזוי שיין עסן אלע קינדער אויף, אלעס וואס מאמי האט אנגעגרייט, יעצט גייט מען בענטשן, קומט זיך אפשאקלען פון די ברעקלעך, און זיך אויך אפוואשן די הענטעלעך.

קוקט ווי שיין! אזא שיינע קאך האבן אונז שוין! א זילבערנע קאך! יעצט גייט מען שוין קענען קאכן גוטע פיינע עסן לכבוד יום טוב פסח!

קינדער ענק זעען, מען דארף גאר שטארק אכטונג געבן ס'זאל גארנישט זיין קיין חמץ, וועגן דעם טאר מען נישט ארויפגיין מיט שיך אויפן קאונטער, מען מעג דא קומען נאר מיט פסח'דיגע עסן.

אלע גייען יעצט שיין גיין שלאפן, מארגן וועלן ענק קענען זען ווי מען נעמט ארויס אלע פסח'דיגע געשיר.

די טעלער'ס... שרה'לע שרייט: לעפלעך, גאפלעך.

שלמה'לע געבט צו: און די קערה...

יא, יא, איך ווייסן זייער גוט, אלע לויפן יעצט פריילך גיין שלאפן.

ענדליך איז שטיל געווארן, ס'איז נאך דא א האלבע שעה, ביז ווען מיין מאן וועט אהיימקומען, איך קען דערווייל צומלייגן די וועש.

אבער איך שפיר עפעס דרוקט מיר אויפן הארץ. "טאטע זיסער! איך וויל יעצט ארויסגיין אין וואלד שרייען, ש - ר - י - י - ע - ן . דא אין שטוב קען איך נישט, די קינדער וועלן זיך אויפוועקן, און די שכנים וועלן קומען צולויפן... (גענוג פריער די קולות וואס זיי האבן שוין געהערט...) אבער איך האב דאך נישט קיין וועלדל נעבן הויז, וועל איך שרייען שטיל,

אז נאר דו באשעפער ווטעסט הערן...״

״רבונו של עולם! איך וויל אזוי שטארק זיין גוט, איך פרוביר מיט אלע כוחות עס זאל זיין פריילך דא אין שטוב, אפילו עס איז דא אסאך ארבעט, איך האב זיך פריער אזוי אויפגערעגט אויף מיין יונגל, ער איז ארויפגעקראכן, אזוי, מיט די שיך פון גאס, אויפ׳ן איבערגעדעקטן קאונטער, איך האב געשפירט אז אזוי פיל שעה׳ן, און כוחות פון ארבעט גייט צוגרונד, איך האב אזוי געשריגן אויף אים!

**ש - ל - מ - ה - ל - ע !!! וואס - טוסטו - דא ??? אזוי, מיט די שיך ארויפגעקראכן אויפן איבערגעדעקטן קאונטער??? דו זעעסט נישט אז די קאך איז שוין פסח׳דיג?**

טאטע זיסער, וואס וועט זיין מיט מיר? ווען וועל איך זיך קענען איינהאלטן, און נישט אויספלאצן אזוי אין כעס? ווען וועל איך זיך אויסלערנען, צו רעדן רוהיג און געדולדיג?

רבונו של עולם! אפשר האט ער יא געדארפט הערן א שטרענגע ווארט? ער זאל זיך אויסלערנען עס מער נישט צו טון?

טאטע זיסער, געב מיר שכל איך זאל וויסן ווען צו זיין שטרענג, שטרענג - נישט אויספלאצן אין כעס, א שטרענגקייט וואס קומט פון א אינערליכע רוהיגקייט, פון א זיכערקייט אז יא, יעצט דארף דער קינד א שטרענג ווארט.

העלף מיר באשעפער, איך זאל האבן געדולד צו מיינע קינדער, און זיי נישט מקריב זיין אלס קרבן פסח, איך זאל נישט טון קיין איבעריגע זאכן אויף זייער חשבון, העלף מיר איך זאל האבן מיין מח אויפן פלאץ, צו געדענקען וואס עס איז דער עיקר, און וואס עס איז באמת וויכטיג״.

שכח אייבערשטער! אז איך ווייס פון די ליכטיגע עצה, זיך אויסצורעדן פאר דיר! עכט, עכט, זענען די קינדער זייער פריילעך אז עס קומט פסח, איך ווייס יעצט אז איך בין גוט, איך טו די בעסטע וואס איך קען, יא, איך ווייס אויך אז א מאמע איז אמאל איבערגעשטרענגט, אז א מאמע קען אויספלאצן פון מאל צו מאל.

״באשעפער! דו האסט טויזנטער מלאכים, וואס ווערן קיינמאל נישט מיד און הונגעריג, זיי זענען קיינמאל נישט נערוועז, און פירן אויס וואס זיי דארפן אויספירן טויזנט פראצענט, און מיט דעם אלעם האבן זיי נישט קיין קינדער.

טאטע זיסער, דו ווילסט דווקא איך - א שוואכע מענטשעלע, זאל ברענגען און האדעווען קינדער, דו ווילסט אז דווקא איך זאל אריינברענגען א פסח דא אין הויז.

העלף מיר טאטע איך זאל זיך נישט אראפקלאפן ווען איך פלאץ אויס, איך זאל ווייטער געדענקען, אז איך בין נאך אלס גוט, דו האסט מיר נאך ווייטער ליב. און איך ווייס אויך ליבער באשעפער אז איך קען ווייטער רעדן צו דיר, און עס וועט נאך אמאל קומען א טאג, וואס דורך תפילה וועל איך זיך קענען איינאנצן באהערשן, אפילו עס וועט פאסירן ערגערע זאכן״.

שכח באשעפער! פאר די זיסע ליכטיגע וועג פון זיך אויסרעדן פאר דיר! שכח אייבערשטער! אז איך קען אזוי גרינג פסח׳דיג מאכן מיין הארץ און מיין מח!

שכח באשעפער! איך שפיר זיך ריין און גרייט פאר פסח!!!



# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת
אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש
געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449




PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**




בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

**השבת אבידה קרית ברסלב**
אויב האט איר געטראפן א חפץ, אדער אויב איר
זוכט א פארלוירענע חפץ.
רופט אריין אויף 845-243-0604

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

אסתר פריעדמאן תחי' - קרית ברסלב פארציילט:




מלכה בירנבוים תחי' - קרית ברסלב פארציילט:



# קליין און שיין


גאלדי לאקס - קרית ברסלב


אליעזר שלמה שטיינבערג נ"י - קרית ברסלב
אהערגעשטעלט א מאביל



משפחת היימליך - קרית ברסלב


נחמן נתן און אליעזר שלמה שניטצלער נ"י
וויליאמסבורג


נפתלי און מוטי העסקעל נ"י
אהערגעשטעלט א מזבח, לכבוד פרשת ויקרא


פייגי פינטער נ"י - קרית ברסלב



## שיקט אריין א בילד פון אייער קינד

# טרעף

## די פאלגענדע ווערטער...

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | ב | נ | ק | ה | ע | ר | כ | כ | פ | ט | צ | ו |
| ו | ק | מ | ה | נ | ע | ר | ר | ו | נ | מ | מ | ק |
| צ | מ | ל | ז | ד | ע | ח | ב | צ | ש | א | נ | פ |
| מ | ר | ר | ו | ג | ז | ד | כ | פ | ז | נ | ק | ג |
| ס | ד | ר | פ | כ | ל | ז | ש | כ | ג | מ | ע | ה |
| י | ב | ה | ל | א | ש | ד | ו | א | ז | ע | ת | ג |
| פ | ז | ו | ו | ש | ס | ק | ז | ו | י | י | נ | כ |
| ל | צ | ו | ל | ד | ג | י | כ | נ | כ | י | י | מ |
| ת | ע | א | י | ע | י | ד | ע | ז | ב | י | מ | ט |
| ג | ל | ס | ר | ר | ו | ס | ש | ר | א | נ | ש | ח |
| ט | ר | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר | י | ת | כ |
| ג | ו | ח | ח | ת | ז | ל | ו | ו | נ | ו | ת | ג |
| כ | ל | ט | פ | ת | ד | י | צ | י | נ | מ | ז | י |

ברודער הער זיך
צו וואס דער
הייליגער רבי
טוט אונז זאגן:
"געוואלד, זייט
אייך נישט
מייאש!"

# טרעף

## די וועג פון איין
## זייט קעסטל צום
## צווייטן...





# לאמיר שפילן
# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | | 1 | 4 | | |
| | | | | | |
| | 6 | 4 | | 2 | 1 |
| | | | | 3 | |
| 5 | | 2 | | | 6 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | 1 | | | | 7 | | 6 |
| | | | | | | | | |
| 3 | 4 | | 5 | 6 | 7 | | 1 | 8 |
| | | | 2 | | 8 | | | |
| 2 | 8 | 7 | | 9 | | 5 | 3 | 1 |
| | 3 | | | 7 | | | 2 | |
| 1 | 9 | | 7 | | 2 | | 4 | 5 |
| | | 2 | 4 | | 6 | 3 | | |
| 4 | | | 9 | 5 | 3 | | | 2 |

# ספר המדות
## פאר קינדער

**אמת - חלק שני**

**ט. עַל יְדֵי אֱמֶת בָּא הַקֵּץ.**

**דוּרְכְ'ן זָאגְן אֱמֶת, בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָה, מִיר זָאלְן שׁוין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייגְט פוּן גָלוּת.**

# חידות
## אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט געזאגט:
ס'איז נישט מעגליך צו זיין א איד אן

א. פאסטן
ב. דאווענען
ג. לערנען
ד. התבודדות

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער ר' נתן האט געזאגט: אויף פסח
וועט זיין, אבער ווי נעמט מען
**דעם פסח אליין**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**ליבי אינדיג תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## האוסטו דורך געלערנט

# עצתו אמונה

## פרשת ויקהל פקודי?...

### פון רעכטס צו לינקס

2. עס איז זייער וויכטיג זאלסט לערנען אין ___
3. לייף אינשורענס פעלט ___ אויס
7. אז מען האט אמונה האט מען ___, און אז נישט האט מען גארנישט
8. מיט גוטע ווערטער און מיט א שמייכל, קען מען אלעס ___
10. ווי מער ___ א פרוי זאגט, וועלן די קינדער און אייניקליך זיין ערליך אין אפגעהיטן
12. ווי אזוי מען פירט זיך מיט די עלטערן, אזוי וועלן די ___ זיך פירן מיט ענק
13. נאר מיט ___ קען מען לעבן בשלום
15. אוי ווי שיין און ווי זיס איז צו גיין אין די ___ וועג
17. ___ נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין קטנות הדעת
21. ברענג אריין אין שטוב א פרייליכע ___
22. לערן יעדן טאג ___ מיט'ן ___ איינגעטיילט לויט די טאג פון די וואך
23. נעם אריין אין זיך ___, וויל גארנישט נאר טון רצון השם
24. זיי זיך ___ צום אייבערשטן, לאז שוין אפ שנאה מיט נצחון

### פון אויבן אראפ

1. זיי מכבד דיין ווייב, רעד ___ און ווייך
2. פארליר זיך נישט, בלייב ___ מיט אמונה
4. גיי אין א שטילע ווינקל און ___ זיך אויס צום אייבערשטן
5. ___ איז דער סוד פאר גוטע קינדער
6. אידישע קינדער האבן א תורה, אונזער וועג איז נישט ווי די ___ לערנען
9. אז מען איז פרייליך איז מען ממשיך אויף זיך ___
11. אנשטאט אויספירן אז דיין ___ זאל זיך טוישן, זאלסטו זיך אליינס טוישן
14. ווי עס איז דא שמחה איז דא ___
16. מיטן רבינ'ס ___, מיטן רבינ'ס חיזוק, איז זייער גוט
18. גיי אין שול דאווענען די דריי תפילות מיט מנין וועט זיך דיר אלעס טוישן צום ___
19. פארלייג זיך אויף איין זאך, זיין ___
20. אז איר וועט נישט קוקן קיין שלעכטע זאכן, וועט אייך זיין ___ א גאנץ לעבן



# בילדער

## אפטיילונג



קרעדיט: משה איינהארן

דער ראש ישיבה איז מנחם אבל משפחת רוטנער נאך די פטירה פון זייער זון/ברודער יוסף ז"ל - דינסטאג ויק"פ



קרעדיט: אליעזר שפן

קינדער אין שטעטל ביים זיך גליטשן אויף די שניי, נאכן לערנען דעם דף גמרא מיט מו"ה יעקב לעסער שליט"א



קרעדיט: זלמן וויזל

הפצה אין ארץ ישראל מיט ספר עצתו אמונה חלק ב' לשון קודש וואס איז נארוואס ארויס פון דרוק



קרעדיט: משה איינהארן

לחיים פון החתן שלמה דוד בן מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו



קרעדיט: ישראל פוקס

א שיין בילד פון די פארשנייטע גאסן אין שטעטל



קרעדיט: אלי ציג

עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש לעיקוואד



קרעדיט: ישראל העסקעל

קביעת מזוזה אין היכל הקודש לאנדאן דורך הרה״ג רבי מאיר מארקאוויטש שליט״א דומ״ץ סאטמאר לאנדאן



קרעדיט: ישראל העסקעל

מו״ה חיים יוסל ארגל שליט״א נכד רבינו ביים רעדן אפאר ווערטער ביים לחיים נאכן קביעת מזוזה



קרעדיט: אשר יעקב בלום

דער ראש ישיבה באזוכט אין קרן הדפסה היכל הקודש אין קרית ברסלב ליבערטי - ה' ויק״פ



קרעדיט: אשר יעקב בלום

אין א שמועס מיטן עסקן מו״ה אהרן פיש הי״ו



קרעדיט: אשר יעקב בלום

אין די אפיס פון מכון עצתו אמונה



קרעדיט: שימי פיש

א מיטינג אין פעסט בילד אפיס איבער פרטים פון די מוסדות



קרעדיט: שימי פיש

אין א שמועס מיט אנשי שלומינו





ביים מצות באקן אין שטעטל - ה' ויק"פ



קרעדיט: מנחם שטיינבערג

אין א טאנץ נאכן מצות באקן



קרעדיט: שימי פיש

אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן באקן מצות



מסיבת בן גמלא אין לינדען ניו דשערסי



קרעדיט: שימי פיש

פרישע שאטל געקויפט פארן שטעטל



מסיבת בן גמלא אין שטעטל אין שטוב פון מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו



דער ראש ישיבה באזוכט ביי מו"ה אליעזר שיינער הי"ו - א' ויקרא

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# מיר ווילן אייך הערן

מיר ווילן לאזן וויסן אז די חשובע הנהלה וואס דער ראש ישיבה האט געשטעלט, ארבעטן זייער שווער אהערצושטעלן פארן ציבור אלעם וואס פעלט זיך אוים פאר די באקוועמליכקייט פונעם ציבור מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף.

כדי מיר זאלן קענען צופרידנשטעלן אלע איינוואוינער, ווילן מיר הערן וואס די איינוואוינער האבן צו זאגן, צוליב דעם האבן מיר ספעציעל געעפנט א אימעיל אדרעסס וואס וועט זיין געאייגענט צו קענען הערן פונעם חשובן ציבור זייערע געדאנקען וואס זיי האבן געטראכט, וואס קען זיין א טובה פארן ציבור, אדער געוויסע הגהות והערות וואס זיי ווalטן געוואלט זאגן פאר די הנהלה.

שיקט א אימעיל צו

Kiryasbreslevliberty@gmail.com

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**



# הא לחמא עניא

ווי עס איז אייך שוין זיכער באקאנט, טוט די הנהלת בית התבשיל שע"י קהילתנו היכל הקודש פארטיילן שווערע טויזענטער דאלער פאר אומצאליגע נויטבאדערפטיגע משפחות בקרב קהלתינו הק', כדי אז זיי זאלן קענען מאכן יום טוב אין שטוב מיט א רואיגקייט און ישוב הדעת.

עס איז איבעריג ארויסצוברענגן וויפיל עס קאסט אפ א יום טוב אין א אידישע שטוב ווי מען איז מדקדק בקלה כבחמורה, ווען יעדע ריר שלעפט אריין אין אומגעהויערע הוצאות. ליידער אין פילע אידישע שטיבער קען מען נישט נהנה זיין פון דעם עונג יו"ט און פילן דעם זמן חירותנו צוליב דעם שרעקליכן עול הכספי וואס דרוקט אויף די פלייצעס פון דעם ראש המשפחה.

היי יאר איז ליידער אונזער ליסטע געשטיגן מיט גרויסע ציפערן, און מיר מוזן שאפן צענדליגע טויזענטער דאלער מער ווי די פארגאנגענע יארן, סיי צוליב די צוגעקומענע נויטבאדערפטיגע און סיי צוליב וואס מיר זענען געצווינגען צו העכערן די נתינות, כדי צו פארזיכערן אז די נצרכים קענען זיך ערלויבן אויך צו האבן א כשר'ן פרייליכן יו"ט.

דאס אלעס קען נאר אנגיין דורכדעם וואס מיר וועלן אויפטרייבן גרעסערע סכומים פון אלע נדיבי לב, וואס מיט זייער ברייטהארציגקייט און ווארימע געפיל וועלן זיי מקיים זיין דעם כל דכפין ייתי ויכול, און קויפן זכותים צו העלפן אונזערע אייגענע ברודער, שכנים, קרובים, וידידים אריינברענגען דעם פסח, און דערמיט פארזיכערן אן עונג יו"ט פאר אומצאליגע פאמיליעס.

מער ווי אלע יארן ביז יעצט, איז היי יאר קריטיש וויכטיג די נדבות, ווייל אפילו מיטל-קלאס פארדינער קענען אויך נישט דעקן דעם יו"ט, צוליב די שארפע אינפלאציע וועלכע בוזשעווען. מיר אלע זעען עס טאג טעגליך, און ספעציעל אין די וועכענטליכע גראסערי ארדערס, וויפיל די פרייזן זענען געשטיגן, און צו קענען איינרישען א יו"ט מיט אזעלכע פרייזן אן די הילף און תמוכה פונעם בית התבשיל איז כמעט אוממעגליך. דערפאר קומען זיי זיך ווענדן צו אונז נאך בעפאר זיי ווענדן זיך צו ידידים אדער משפחה, וויסנדיג אז ביי אונז וועלן זיי באקומען בדרך כבוד.

| | | |
|---|---|---|
| $1,800 | $360 | $180 |
| א משפחה אויף גאנץ יו"ט | ליל הסדר פאר א משפחה | סעודת יו"ט פאר א משפחה |

## מיר מוזן היי יאר שאפן לכל הפחות

# $ 75,000

## צו קענען דערלייכטן יעדע שטוב מיט אלע הצטרכות לכבוד פסח הבעל"ט

מיר ווענדן זיך צום ברייטן ציבור אנ"ש: העלפט אונז ארויס אין די הייליגע קריטישע ארבעט! און בשכר זה זאל אייך דער רבוש"ע אייך באשערן מיט עושר ואושר, אך טוב וחסד כל ימי חייכם, איר זאלט זיך שטענדיג געפינען אויפן צד הנותן און קיינמאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם. מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אינאיינעם, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים הבנויה. **השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל**

קמחא דפסחא 75 טויזענט